ווענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בלעטל


פרשת מקץ, ד' טבת תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון נ"ו


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................4:11
מוצאי שבת.........................5:42

# א מעשה פון תפלה

## יוסי פריעדמאן

פארגאנגענעם דינסטאג האב איך גענומען גאז ביי וועלערא גאז סטאנציע אויף'ן ראוד 17, נאכן אוועקפארן פון דארט האב איך מיך געכאפט אז איך האב פארגעסן דארט מיין קרעדיט קארד, גלייך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס נאך קענען צוריק האבן, איך האב ארויסגעשיקט א מעסעדזש אין די שטעטל גרופ אויב איינער פארט אדורך זאל ער מיך רופן, שכח אייבערשטער אז סעגדי ראטה איז דארט דורך געפארן, אבער זיי האבן עס נישט געוואלט ארויסגעבן וויל ער איז נישט דער בעל הבית פונעם קארטל, איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן עס וועלן ארויסגעבן, שכח אייבערשטער אז ביים סוף האבן זיי זיך געבראכן און זיי האבן עס אים געגעבן. שכח אייבערשטער!

## שמשון צבי טייטלבוים

איך בין געגאנגען הפצה אין סאוט פאלסבורג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר ווייזן א רמז אז מיין הפצה איז חשוב און מענטשן דארפן טאקע די קונטרסים וואס איך טייל דא אויס, איך קום אן צו איין הויז און איך געב יענעם א קונטרס, דער מענטש רופט זיך אן צו מיר "די קונטרסים און ספרים איז שוין מיין לעבן פאר די לעצטע צוואנציג יאר, איך בין זיך מחיה מיט דעם, א גרויסן שכח פאר'ן ברענגען נאך". שכח אייבערשטער פאר דעם אפענעם מעסעדזש וואס דו האסט מיר געשיקט.

## ברוך יאקאבאוויטש

איך האב געהאלטן אינמיטן פארריכטן א געוויסע זאך וואס האט אין זיך א ספרינג, אינמיטן איז די ספרינג ארויסגעפאלן, גיי טרעף א קליינעם ספרינג וואס פארלירט זיך אין א קאר... איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן אבער איך האב עס נאך אלץ נישט געטראפן, האב איך געזאגט פאר די אייבערשטער אז אויב איך טרעף עס וועל איך עס אריין שרייבן אין די קרית ברסלב בלעטל, שכח אייבערשטער גלייך נאכדעם האב איך עס געטראפן אין א פארמאכטע באהאלטענע פלאץ פון די קאר. שכח אייבערשטער!

# נייעס אין שטעטל

### חנוכה מיט'ן ראש ישיבה אין קרית ברסלב

א זעלטן שיינעם שבת חנוכה איז אריבער אין קרית ברסלב צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

דאנערשטאג נאכמיטאג איז דער ראש ישיבה אנגעקומען בשעה טובה ומוצלחת, מען האט געדאווענט מנחה מעריב, דערנאך האט דער ראש ישיבה געצינדן די חנוכה לעכט ביי זיך אינדערהיים.

פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה איז פארגעקומען א באטע אין בית המדרש, דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט זייער שטארק וואס עס איז עולם התוהו, וויאזוי מען וועט ארויס פון עולם התוהו, און דער הייליגער רבי האט געלעבט איז מען געקומען צום רבי'ן חנוכה, שבועות און ראש השנה, דער הייליגער רבי האט געזאגט ווער עס וועט קומען צו אים די דריי צייטן וועט ניצול ווערן פון עולם התוהו, ברוך השם אז מען האט די זכיה זיך צאמקומען אויף שבת חנוכה אין דעם רבינ'ס שטאט, עס איז א שטאט וואס אלע משפחות זענען עוסק אין פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות אויף די גאנצע וועלט. ראש השנה איז די קיבוץ פארגעקומען דא אין שטעטל, און אם ירצה השם אויף יום טוב שבועות וועט מען זיך אויך דא צאמקומען.

שבת אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט מען פארגעלערנט פעולת הצדיק סימן תתי, דער הייליגער רבי האט פארציילט פון א חלום וואס ער האט געהאט אין חנוכה, [קוקט אריין אין פעולת הצדיק די גאנצע מעשה] ער איז געפלויגן מיט דעם גאסט, איין מינוט האט ער זיך געזעהן אינדערהיים און איין מינוט אינדערלופט, דאס לערנט אונז דער הייליגער רבי מען קען זיין אויף דער וועלט מיט א ווייב און קינדער און גיין ארבעטן אבער לעבן מיט'ן אייבערשטן אין די זעלבע צייט.

נאך א דערהויבענעם שחרית האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סיפורי מעשיות מעשה ה', פונעם מלך וואס האט נישט געהאט קיין קינדער האט ער זיך געפארעט מיט דאקטורים, דער דאקטער קען נישט העלפן נאר דער אייבערשטער קען העלפן, רבי נתן האט געזאגט דער אייבערשטער איז אזוי גרויס אז ער קען מאכן עס זאל אויסזעהן ווי דער דאקטער היילט אויס.

שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ל' אז א מענטש קוקט זיך אן און ער זעהט איך בין נעבעך אזוי אראפגעפאלן, דארף איך יעצט גיין זוכן דעם גרעסטן צדיק וואס קען מיך העלפן אין מיין מצב, נישט זאגן עס וועט מיר זיין גענוג ווען איך וועל מיך דרייען ביי עפעס א רב א דיין און הלוואי זאל איך ארויסוואקסן ווי אים, ניין! מען דארף גיין צום גרעסטן צדיק.

מוצאי שבת איז פארגעקומען א שיינעם מלוה מלכה, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז מען דארף שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטן - נישט ארום גיין קרעכצן.

דער הייליגער רבי האט פארציילט א מעשה פון א קעניג וואס איז ארום געגאנגען אין שטאט זעהן ווער עס איז פרייליך, ער האט געטראפן א פרייליכער איד, ער פרעגט אים וואס איז דיין ארבעט, האט ער אים געזאגט ער פאררעכט כלים, האט דער קעניג ארויסגעגעבן א געזעץ מען טאר נישט פאררעכטן יענעמ'ס כלים, איז ער געגאנגען טרעפן אן אנדערע פרנסה, אזוי יעדן טאג האט אים דער קעניג אויסגעפרובירט אויב ער וועט נאך אלץ בלייבן פרייליך אפילו ער פארלירט יעדן טאג זיין פרנסה, און ער האט עס טאקע דורכגעמאכט ער האט זיך קיין איין טאג נישט פארלוירן. דאס דארף מען מיטנעמען פון חנוכה, שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטן.

זונטאג ביינאכט נאכן צינדן דעם פערטן ליכטל איז דער ראש ישיבה אהיים געפארן בשעה טובה ומוצלחת.

### ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**שלום פאללמאן נ"י וזוגתו אסתר תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

### מודעה

צו איבערגעבן א
מעשה פון תפלה
רופט
אברהם הערש
וועבערמאן נ"י
845-492-0566

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת מקץ, כ"ח כסליו, ד' דחנוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי**

איך האב באקומען רשות פון ... נרו יאיר צו נוצן זיין גאראזש צו בויען א מקוה; איך האף ביז א וואך צוויי וועט זיין גרייט די מקוה, וועט איר קענען דאווענען שבת אינדערפרי אינעם נייעם שול.

איך האב פאר דיר א קאמפלימענט, דער בעל הבית ר' ... נרו יאיר זאגט מיר אז ער און זיין ווייב זענען זייער צופרידן אז דו ביסט גבאי, זיי זענען רואיג אז דער שול האט אן אחריות'דיגער גבאי, אלעס איז זויבער און שיין צאמגענומען.

איך האף דו וועסט ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן; דו וועסט פירן דעם שול, עס זאל זיין ריין, מען זאל דאווענען אין צייט און אלעס זאל זיין על צד היותר טוב. **פיר די שול אזוי ווי דו האסט געזען אלע יארן אין ישיבה; לייג נישט צו און נעם נישט אראפ, דעמאלט וועסטו מצליח זיין.**

לעת עתה זאל די שול זיין אין באנוץ נאר שבתים און ימים טובים, אויך די מקוה וואס מיר גייען יעצט מאכן זאל זיין נאר פאר שבת אינדערפרי.

...

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, כ"א כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו ווילסט זיך אריבערציען אינעם נייעם ברסלב'ער שטאט, **קרית ברסלב ליבערטי.**

פאר מיר איז דאס א גרויס פרייד, **מיר ווילן אזעלכע איידעלע משפחות ביי אונז אין שטאט ווי דיין משפחה.** די שטעטל האבן מיר געבויט פאר איין סיבה, מיר זאלן האבן א רואיגע פלאץ צו קענען מחנך זיין די קינדער מיט'ן רבינ'ס וועג, זיי חתונה מאכן יונג און ריין.

קודם קום ארויס אין שטעטל אויף שבתים. איך האף צו טרעפן א דירה פאר דיר, יעצט איז נישטא קיין דירות, איך האב איבער פערציג משפחות וואס ווילן זיך אהין ציען, עס איז נישטא קיין דירות.

...

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, כ"א כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, גבאי בית המדרש היכל הקודש ליבערטי ניו יארק**

שטארק זיך מיט דיין הייליגע ארבעט; זיין א גבאי איז א הייליגע ארבעט און א גרויסע אחריות, מען דארף האבן די שכל צו קענען גיין לרוחו של כל אחד ואחד. יעדער מענטש האט אן אנדערע רצון, אן אנדערע מחשבה; דער גבאי דארף קענען טרעפן א וועג צו קענען יעדן איינעם צופרידן שטעלן.

אזוי ווי די אחריות איז זייער גרויס - איז די שכר אויך זייער גרויס, דער גבאי האט א זכות אין אלע תורה ותפילה וואס קומט ארויס פון די מתפללים און לומדים.

איך בעט דיר זייער, שטארק זיך; גיי אן מיט דיין עבודת הקודש, זע עס זאל זיין א געשמאקע דאווענען, מען זאל דאווענען צייטליך, מען זאל נישט שמועסן, עס זאל זיין ריין און געב אכטונג אויף יעדנ'ס כבוד.

ווען דו טיילסט עליות זאל יעדער איינער באקומען אן עלי'; האלט חשבון אויף יעדן מתפלל ער זאל באקומען אן עלי' און ווען עס קומט די הייליגע טעג דארף יעדער באקומען דעם כיבוד פון פתיחת הארון און אזוי אויך אן הקפה.

איך בין דיר גרייט צו העלפן; אויב דארף מען איינעם מעורר זיין וכו', קען איך דאס טון.

...

בעזרת ה' יתברך - א' פרשת מקץ, כ"ח כסליו, ד' דחנוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, קרית ברסלב ליבערטי**

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו האסט זוכה געווען צו לערנען און ענדיגן די זיבן און זיבעציגסטע מאל גאנץ ששה סדרי משנה; נישטא קיין גרעסערע זאך פאר'ן מענטש ווי לערנען משניות, משניות וואשט אפ די נשמה פון אלע עבירות און טומאות.

זייענדיג אין שטעטל די פאר טעג האב איך געזען אז דו דאווענסט אן א הוט און רעקל, איך וויל דיר מחזק זיין זאלסט יא דאווענען מיט א הוט און רעקל; מילא די אינגעלייט וואס ארבעטן און בויען, זיי ווערן שמוציג - זיי קענען נישט גיין מיט די הוט און רעקל א גאנצן טאג, זיי קומען פון די ארבעט און כאפן זיך אריין אין שול די לעצטע מינוט, איז איין זאך, אבער אז דיין ארבעט איז א ריינע ארבעט, דו זיצט אין אפיס - דארפסטו יא קומען אין שול מיט דרך ארץ, מיט הכנעה.

מוהרא"ש האט זייער מקפיד געווען אין יבנאל מען זאל קומען דאווענען מיט הכנעה, מיט דרך ארץ; אנגעטון ווי עס פאסט פאר'ן מלך מלכי המלכים.

איך האף דו וועסט נעמען די בריוו ערנסט, דו וועסט קומען דאווענען שחרית, מנחה און מעריב מיט דרך ארץ.

**איך שרייב דיר, איך זאג דיר וואס צו טון נאר ווייל איך האלט דיר ווי מיין אייגן זון**

...

**א) וועלכע מעשה פון סיפורי מעשיות האט באמת פאסירט?**

**ב) ווען האט דער הייליגער רבי געזאגט פאר רבי נתן "דראפע זיך און דעהאלט זיך"?**

**ג)וואס האט דער הייליגער רבי אויסגעפירט נאכן פארציילן די ניינטע מעשה פון חכם ותם?**

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז הילד נחמן פוקס נ"י אומן

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
אדער גיבט איבער די תירוצים פאר'ן מלמד אין חדר.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) שבת חנוכה, שבועות, ראש השנה.
ב) חנוכה איז טעג פון דאנקען דעם אייבערשטן
ג) וואלט ער געווען מער אן ערליכער איד


פאר אלע אייערע שעלוויעג און טרימינג
געברויכן רופט דעם עקספערט
שמשון צבי טייטלבוים
845-243-1580

ערליכע אויפגענייטע שירצלעך
ספעציעל לויט אייער געשמאק פאר גאר
גוטע פרייזן
רופט מרת פריידא ראטה תחי'
845-248-3139

פאר אלע אייערע הויז און קאר אינשורענס
געברויכן רופט דעם אינשורענס עקספערט
ישראל שלום דעלקאוויטש
347-661-2579